

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספרים וכתבי הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת כי-תשא תשפ"ד | גליון קה

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### שבת דארף מען פילן רואיגקייט און מנוחה לכבוד די נשמה יתירה

אויפן פסוק (לא, טז) "**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם**" זאגט דער אור החיים הק' א לאנגע און ברייטע הסבר, וואו ער ברענגט ארויס אז די נשמה יתירה וואס חז"ל זאגן (ביצה טז.) אז די אידן באקומען דאס שבת, איז א באהאלטענע סוד וואס דער אויבערשטער האט מגלה געווען נאר פאר כלל ישראל און נישט פאר די גוים.

דאס איז פשט פון די גמרא (שבת י:) "**מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי**" - אז דער מתנה טובה וואס הייסט "שבת" ליגט **אויף א באהאלטענע פלאץ**, דאס הייסט, די השגה איז א באהאלטענע זאך וואס קיינער חוץ כלל ישראל קען נישט משיג זיין.

איז דער רבי מסביר; "**בית גנזי**" איז "א העכערע וועלט" וואס איז פארהוילן פון די אויגן פון מענטשן בעולם הזה. דער הויכע פלאץ הייסט "**שבת**", און פון דארט שטאמט די נשמה יתירה וואס ווערט אויך אנגערופן "**שבת**". דאס איז וואס די גמרא פירט אויס: "**וְשַׁבָּת שְׁמָהּ**" - אז דער נאמען פונעם היכל אויבן אין הימל איז "**שבת**".

שמועסט דער רבי אויס, אז אין דעם הויכן פלאץ וואס הייסט "**שבת**" - איז נישטא בכלל אזא מין מושג ווי עצבות און אומרואיגקייט, דארט איז נאר פארהאן איין שטיק תענוג און שמחה אויפן שטערקסטן פארנעם!

דאס איז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט געהייסן שבת רוען פון מלאכה, ווייל היות די נשמה יתירה קומט דאך פון א פלאץ וואו עס הערשט נאר מנוחה און שמחה, פארטראגט זי נישט קיין שום פלאג אדער אנגעצויגנקייט. איז אויב א מענטש וועט זיין פארפארעט מיט געשעפטן אדער מלאכות - און ער וועט נישט זיין אינגאנצן רואיג, **וועט די נשמה יתירה פון זיך אליין אנטלויפן פון אים!**

וועגן דעם מוז מען שבת רוען פון יעדע זאך וואס ברענגט נאר אָן די מינדעסטע אומרואיגקייט אויפן מענטש, און וועגן דעם איז א מצוה זיך מתענג צו זיין שבת מיט אלעס וואס מאכט דעם מענטש גוט געלוינט, ווייל אזוי איז דא א מציאות אז די "**נשמה יתירה**" - וואס איר מקור איז פון א פלאץ וואס פארטראגט בלויז "מנוחה" און "עונג" - זאל עקזיסטירן אין אים.

דאס איז די סיבה פארוואס חז"ל זאגן (ביצה יג:) אז די איסור מלאכה אין שבת האט צוטון מיט די מחשבה; "**מְלֶאכֶת מַחְשֶׁבֶת אָסְרָה תּוֹרָה**", אזוי אויך לערנט מען ארויס פון דעם פסוק (ישעיה נח, יג) "**מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר**" אז אפילו א "**דיבור של חול**" איז אסור שבת, פארוואס? ווייל א איד דארף געבן פאר די נשמה יתירה צו פילן די זעלבע הרגשה ווי אינעם היכל "**שבת**", דארטן וואו עס איז נישט פארהאן אפילו א "מחשבה" און "דיבור" וואס איז פארקערט פון "מנוחה" און "תענוג".

מיט דעם טייטשט ער איין דעם פסוק: "**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת**" - אידישע קינדער זאלן היטן שבת, אז די "נשמה יתירה" וואס הייסט "שבת" זאל זיך גוט געפונען אים אים, דאס איז מיט'ן האלטן א גענצליכע רואיגקייט און שמחה. און דורכדעם "**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**" - מאכט מען גרייט א פלאץ אינעם הויכן היכל "שבת", אז מ'זאל קענען משיג זיין די הויכע בחינה פון "שבת" לעולם הבא. ווייל אנדעם וואס א מענטש שפירט קודם דעם טעם פון "שבת" בעולם הזה, קען ער נישט זוכה זיין צו דעם השגה לעולם הבא. אבער אז מ'היט שבת בעולם הזה, און מ'מאכט די נשמה יתירה זיך פילן באקוועם אינעם מענטש אָן קיין ברעקל עצבות אדער כעס, מאכט מען זיך גרייט משיג צו זיין דעם בחינה פון "שבת" און שפירן דעם געוואלדיגן תענוג בגנזי עליון אין עולם הבא.

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וְאַתָּה קַח לְךָ בְּשָׂמִים רֹאשׁ.** (ל, כג)

די תורה איז מדגיש "**וְאַתָּה קַח לְךָ**" - אז נאר **משה רבינו** זאל נעמען די שמן המשחה און קיינער אויסער אים. ווי די גמרא זאגט (כריתות ה:) אז די גאנצע שמן המשחה וואס משה רבינו האט געמאכט איז אוועקגעלייגט לעתיד לבוא. אזוי שרייבט אויך דער רמב"ם (פ"א מהל' כלי המקדש) אז מ'האט קיינמאל נישט געמאכט קיין אנדערע שמן המשחה פון וואס משה רבינו האט געמאכט. דאס מיינט "**וְאַתָּה קַח לְךָ**" אז **נאר דו** משה רבינו זאלסט עס מאכן און קיינער אנדערש.

נאך א זאך קומט די תורה אויסדרוקן מיט "**קַח לְךָ**" וואס איז משמע אז **משה רבינו אליין** זאל דאס נוצן. ווייל חז"ל זאגן אז לעתיד לבוא גייט **משה רבינו זיין דער כהן גדול**, וועט דאך ער אליינס אויך געזאלבט ווערן מיט די שמן המשחה פונקט ווי אלע כהנים.

**וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת...** (לא, טז)

"**וְשָׁמְרוּ**" איז א לשון פון "**וואַרטן**" [אזויווי עס שטייט א פסוק (בראשית לז, יא) "ואביו **שָׁמַר** את הדבר"]. די תורה קומט אנזאגן, אז א איד זאל ח"ו נישט אננעמען דאס רוען שבת פאר אן עול און טירחה אז ער קען נישט טון קיין מלאכה. פונקט פארקערט, ער זאל זיך פרייען מיט'ן שבת קודש מיט'ן גאנצן הארץ, **און ער זאל שטענדיג גלוסטן און וואַרטן ווען עס גייט שוין ווערן שבת קודש!**

לייגט צו די תורה; "**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**" צו זאגן, אז מ'דארף אויסמיידן די כוונה אז מ'רוט אין שבת פון מלאכה פשוט צו שעפן פרישע כוחות און זיך מתענג זיין מיט געשמאקע פיינע תענוגים. נאר די כוונה דארף זיין "**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת**" - **צו טון דעם אויבערשטנ'ס מצוה פון היטן שבת קודש!**

**לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם.** (לא, טז)

שבת ווערט אנגערופן "**בְּרִית**" מרמז צו זיין אז די מצוה פון שבת נעמט אריין אלע **תרי"ג מצוות**. "**ברית**" איז בגימטרי' 612, און צוזאמען מיט די מצוה פון שבת באטרעפט עס **תרי"ג**. און וועגן דעם שטייט "**בְּרִית עוֹלָם**" ווייל "**עוֹלָם**" איז טייטש "א וועלט" - שבת איז א **העכערע וועלט** וואס דער אויבערשטער האט כורת ברית געווען דאס אונז צו געבן לעתיד לבוא ווען עס גייט זיין א "**יום שכולו שבת**". קומט די תורה זאגן, אז ווער עס היט "**שבת**" וואס הייסט "**בְּרִית**" ווייל עס איז שקול קעגן אלע **תרי"ג** מצוות, איז זוכה "**עוֹלָם**" - **צו די העכערע וועלט** לעתיד לבוא.

# ליישב דברי רבינו בענין חילול שבת לפיקוח נפש של חיי שעה

"וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם" (לא טז). מפרש רבינו בלשון קודשו: אֵימָתַי אָמַרְתִּי לְךָ לִשְׁמֹר אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ בְּעֵרֶךְ כְּבוֹד שַׁבָּת, דַּוְקָא "לַעֲשׂוֹת", פֵּרוּשׁ, בְּאָדָם שֶׁיֶּשְׁנוֹ בְּגֶדֶר אָמוּד לַעֲשׂוֹת, אֲבָל מִי שֶׁוַּדַּאי לֹא יָקוּם וְלֹא יַגִּיעַ לְשַׁבָּת לְשָׁמְרוֹ, הֲגַם שֶׁרְפוּאוֹת אֵלּוּ יוֹעִילוּ לְשָׁעוֹת אוֹ לְיָמִים לֹא יְחַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת.

הקשו ותמהו כל יודעי דת ודין, דלכאורה דברי רבינו הם כנגד ש"ס ערוך ביומא (פה, א) שמפקחין את הגל אפילו לחיי שעה עיי"ש, וכן נפסק להלכה בטור ושו"ע (או"ח סי' שכ"ט סעי' ד'). ואמנם, גדולי וצדיקי הדורות העמיקו וישבו על המדוכה למצוא דעת קדושים, וליישב דברי רבינו הנאמרים ברוח הקודש, וכדלהלן.

## תירוץ א' - מחללין על חיי שעה דשבת ולא על חיי שעה דחול

בספה"ק **אוהב ישראל** תירץ על אתר, וזל"ק: וכדי שלא נשווה את האוה"ח הק' ח"ו כסותר דברי הש"ס והפוסקים, נוכל לומר בדרך אפשר שכוונת האוה"ח הוא באופן שבא הסכנה להחולה בשבת לעת ערב, ואמדוהו שיוכל לחיות עוד יום או יומים ע"י רפואות וסמנים, ובעוד שיתעסקו בשחיקת הסמנים ובבישול הרפואות יחשך היום ויהיה חול, וא"כ החילול שבת משחיקת ובישול הסמנים לא יועיל רק שיוכל לחיות עוד יום או יומים בחול, אבל ביום שבת עצמו לא יועילו כלום אפילו על שעה אחת, כי בעוד שיתקנו ויכינו הרפואות יפנה היום ויהיה חול, ובזה האופן מיירי האוה"ח ואומר שאז אין מחללין עליו את השבת כיון שע"י חילול שבת זה לא יבוא לידי שמירת שבת אפי' שעה אחת. והש"ס והפוסקים שאומרים שאפילו על חיי שעה מחללין השבת, אפשר דמיירי דוקא באופן שהחיי שעה יהיה בשבת עצמו, ובזה יבוא לגדר שמירת שבת, ודו"ק. וכל זה הוא בדרך אפשר. עכלה"ק.

הן אמת, בשו"ת **מנחת אלעזר** (ח"א סי' ט') ו**בפרדס יוסף** (כאן) נתקשו בדברי האוהב ישראל, דממנ"פ אם תירוצו לפי הילפותא דחלל עליו שבת אחת בשביל שישמור שבתות הרבה, היה לו לתרץ בפשיטות דלא קשה מדברי הש"ס ופוסקים כי הם פסקו כאידך טעם דוחי בהם ולא שימות בהם, ואם רצה ליישב גם לטעמא דוחי בהם, א"כ פשוט דאין חילוק בין שבת לחול וגם על חיי שעה דימות החול מחללין.

אך בפשטות לא קשה, דכוונת האוהב ישראל דרבינו מפרש גם דברי הש"ס ופוסקים כמותו, שגם הם אזלי כהטעם דחלל עליו שבת אחת וכו', ומה שמחללין על חיי שעה הוא רק אם יועיל לאותה שבת עכ"פ. ואין כל פלא לחדש כן. והגם שלא כתב כן למעשה, אך בישוב דעת רבינו י"ל כן. ומה שהקשה בלקוטי חיים על האוהב ישראל דמסתימת הש"ס משמע שגם בסוף השבת מפקחין, פשוט שאי"ז קושיא על רבינו דמסתבר ליה לאוקמי בגוונא שעדיין יוכל להחיותו בשבת.

ובפרדס יוסף ביאר דברי האוהב ישראל, עפ"י מש"כ הט"ז (או"ח סי' שכ"ח סק"ה), דכשמחללין שבת לחולה אף דאפשר לעשות ע"י גוי אפ"ה יעשה בעצמו, דאל"כ יש חשש שאתה מכשיל לעתיד לבא, דאם יראו עכשיו שאין עושין רק ע"י עכו"ם יסברו שיש איסור ע"י ישראל, ולפעמים לא יהיה עכו"ם מצוי ועי"ז יסתכן החולה במה שימתינו על עכו"ם ע"ש, ובזה שפיר י"ל דהא דאף שיש עכו"ם יחלל בעצמו זהו דוקא אם יחיה בשבת עצמו ע"י הרפואה, אבל אם בעוד שיגמר הרפואה יהיה אחר שבת, בכה"ג אם יש עכו"ם לפנינו אזי אסור בעצמו לחלל שבת רק שיאמר לעכו"ם, זה מה שנ"ל קצת ליישב דברי האוהב ישראל, עכ"ד. וסברתו לחלק בזה הוא כנראה ע"ד שהבאנו להלן (תי' ב') מכמה אחרונים שבאופן שלא יועיל לשמור שבת אחת הוי רק דחויה ולא הותרה.

והגה"צ מווייצען ז"ל בספרו **דבר צבי** (כת"י על סדר הא"ב, ערך שבת) כתב ביאור נכון בדברי האוהב ישראל, בהצעה שחסר שם תיבה אחת בסיום לשונו הק': 'והש"ס והפוסקים האומרים שאפי' על חיי שעה יחלל שבת אפשר דמיירי דייקא באופן שהחיי **שעה יהיה בשבת עצמו**', דצ"ל יהיה '**גם**' בשבת עצמו. והכוונה, אם למשל עומדים רבע שעה שקודם צאת השבת, ואמדו הרופאים שאם יתנו לו הרפואה מעתה עד שעה אחת יוכל לחיות עד סוף יום ראשון, ואם לא יתנו לו הרפואה עד סוף השעה ימות מיד, ובאופן זה אף אם יתחיל לתקן הסממנים מיד כעת ויחלל שבת, עדיין לא יספיקו ליתן לו הרפואה עוד בשבת, כי תיקון הסממנים ימשך עד אחר יציאת השבת, ונמצא שאין כאן שום תועלת מהחילול שבת לא על ימות החול ולא על יומא דשבתא, שהרי גם אם ימתין רבע שעה ובצאת השבת יתחיל בהכנת הסממנין, יספיק ליתנם לחולה בתוך השעה ויועילו להחיותו עד סוף יום ראשון, ועל כן אסור לחלל שבת עליו. ובשלמא בימות החול אם יארע מעשה כזה, החיוב ליתן הרפואה כל רגע מקודם, כיון שהוא חולה מסוכן ובלא הרפואות לא יהיה יכול לחיות רק איזה רגעים, ע"כ עלינו לעשות במוקדם כל מאי דאפשר להצילו שהזריז נשכר, משא"כ בשבת למה יחלל שבת לחנם כיון שאין שום תועלת על שעות השבת, ובשלמא אם היה חי ע"י עשיית הסממנים עד לשבת הבאה אז מותר לחלל שבת כדי לשמור שעות של שבת הבא, משא"כ באופן זה שיועיל רק על יום או יומיים, ודו"ק. עכת"ד.

אך באמת פירושו צ"ע, שהרי מבואר בשו"ע או"ח (סי' שכ"ח סעי' י"א, ועיי"ש בשו"ע הרב סעי' י"ג) ויור"ד (סוס"י קנ"ה), שאם לא יפסידו בהמתנה למוצ"ש אסור לחלל עליו את השבת אף אם יועיל להחיותו בשבת הבאה, ולא כמ"ש הדבר צבי בכוונת האוהב ישראל שאם היה מועיל לשבת הבאה היו מחללים גם אם אפשר בהמתנה למוצ"ש.

## תירוץ ב' - פיקו"נ הותרה בשבת, ובחיי שעה של חול דחויה

איברא, בספר **חידושי מהרא"ך** (להגה"ק ר' אלעזר הכהן אב"ד סאכטשאוו ופאלטאסק, חתן הגאון בעל חוות דעת, בקונטרס עץ אבות דף ג' טור א') תירץ, דבוודאי מחללין שבת לחיי שעה של חול, אלא שאז אינו בגדר הותרה שהוא היתר גמור, כמו שפירש"י ביומא (ו, ב) בפלוגתא דטומאה דחויה בציבור או הותרה. משא"כ כשמועיל לחיי שעה של שבת הוי בגדר הותרה.

ושם בקונטרס 'עץ אבות', תיאר בנו את נסיעתו הראשונה של אביו הגה"ק מהרא"ך אל הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זיע"א, שהיה בלתי ידיעת אבותיו, והתחבר עם חסיד אחד ונסעו ביחד, ואחרי עיכובים שונים שהיו לו בדרך [ראה שם באריכות] הגיע למעזיבוז, והרה"ק מאפטא קיבלו בסבר פנים יפות, וציוה עליו שיסעוד אצלו בסעודת ש"ק, ואז זכה לשמוע ממנו דברי תורה הנ"ל (בתי' א') בעת עריכת שלחנו הטהור אשר לפני ה'.

וסיפר שעוד קודם השב"ק בא ידיעה על אחד מגדולי הדור שנפל למשכב וצריך רחמים מרובים, ושרבינו הרה"ק מאפטא יתפלל בעדו שהשי"ת ישלח לו רפואה שלימה במהרה, ועי"ז בא לידו לעיין בענין זה דפקוח נפש דוחה שבת, ובעת עריכת השלחן כשאמר דברי תורה, היו דבריו כרשפי אש שלהבתי־ה חקירה עצומה בענין פקוח נפש אי דוחה שבת על חיי שעה ליישב דברי האוה"ח הק' הנ"ל ואז אמר תירוץ הנ"ל הנדפס בספרו הק' אוהב ישראל. ואח"כ פנה אל הזקנים והלומדים שהיו יושבים סביב לשולחנו הטהור, ואמר להם מי שיודע תירוץ על חקירה הזאת לא יכבש פניו בכלימה רק יתרץ בכל מאי דאפשר. וביום א' נכנס הגה"ק מהרא"ך אל הקודש פנימה, ואמר אל הרה"ק מאפטא שלא היה דרך ארץ לתרץ קושיית רבינו כי הלכה הוא ולא שרי לאוריי במקום רבו אפי' ביעותא בכותחא (עירובין סב, ב), ואפילו בדרך פלפול ג"כ אינו ראוי לפלפל לפניו בעת שיושבים אצל שלחנו הטהור לומדים גדולים חסידים ואנשי מעשה, וגם כעת הנני חלילה לא באתי לפסוק הלכה במקום אדמו"ר שליט"א רק בדרך פלפול נוכל לתרץ החקירה העצומה הזאת וכו' [והוא תי' ב' שלפנינו], עכ"ל שם.

ומה שביקש הרה"ק מאפטא שמי שיודע תירוץ יבוא ויתרץ בכל מאי דאפשר, כפי הנראה לא היה ברירא ליה הדבר, וכתבו רק 'כדי שלא נשווה את האוה"ח הק' ח"ו כסותר דברי הש"ס והפוסקים נוכל לומר בדרך אפשר', וגם סיים בלשון זה 'וכל זה הוא בדרך אפשר' [ואולי הסתפק בתירוץ זה מכח קושיית המנחת אלעזר והפרדס יוסף הנ"ל].

## תירוץ ג' - רבינו איירי בבן ח' שלא כלו לו חדשיו

אופן אחר הביא לתרץ בספר **אור יקר** (ביאור על רבינו) וז"ל: ושמעתי ממו"ה הרבני הישיש הר"י ני"ו שכבר הקשה זאת הרה"ק איש האלקים וכו' אדמו"ר הראי"ה מאפטא זצוקללה"ה, והיה אז לפניו איש למדן וחסיד לא נודע שמו, ודן לפניו בהלכה שכוונת האוה"ח הקדוש ז"ל לענין נולד לח' חדשים שהוא ודאי נפל, או ספק בן ז' או בן ח' שלא נגמרו שערו וצפרניו שהוא ספק נפלים, כמבואר בשו"ע או"ח (סי' ש"ל ס"ז) שאין מחללים עליו את השבת. והוטב הדבר בעיניו והנאנו מאד, עכ"ל. וכן תירץ בארחות חיים (ספינקא, סי' שכ"ט אות ד'), וכן כתב בספה"ק אמרי יוסף ששמע לתרץ כך.

דברים הללו הובא ג"כ בקובץ אהל מועד (י"ל בקראקא תרנ"ח, חוברת ב' קונטרס י' מדור ג', מילי דאגדתא אות ג'), והביא שם חכ"א מה ששמע מפ"ק של הרה"ק בעל אמרי יוסף מספינקא זיע"א [והדברים נדפסו בחייו], והוסיף שם שהרה"ק מאפטא הודה לו ונשקו על ראשו, ואמר אם אזכה להדפיס ספרי אוהב ישראל שנית אצוה למחוק מ"ש שם כי דוחק הוא עכ"ל. [ולפי המובא מקודם מקונטרס 'עץ עבות', יתכן מאד שאף גם זאת נאמר בעת ההוא].

ובשו"ת **מנחת אלעזר** (ח"א סי' ט') תמה על מה שסיים שהרה"ק מאפטא הודה לו, ואמר שאם ידפיס ספרו אוהב ישראל עוד הפעם וכו'. שאין לו מציאות, כי הספר אוהב ישראל נדפס פעם ראשונה מכת"י בזיטאמיר בשנת תרכ"א והרה"ק מאפטא זצ"ל נפטר עוד בשנת תקפ"ה כנודע. עכ"ד.

אך מצוה עלינו ליישב הדברים, אחר שנאמר הדבר בשם הרה"ק בעל אמרי יוסף זיע"א, והנראה ליישב כי לא דבר ריק הוא והכותב טעה בשמועתו. דהנה הרה"ק ר' משולם זוסיא מזינקוב זצללה"ה כותב בהקדמתו לספה"ק אוהב ישראל כי אביו הרה"ק ר' יצחק מאיר מזינקוב זי"ע בחר באיש אחד חריף ספרא רבא, ומינה אותו לרשום הדברים הקדושים היוצאים מפיו הק' של זקנו הרה"ק מאפטא, ואחר כל שבת ומועד העלה לפני עיני קדשו של זקני זצוקלל"ה ולפרקים תיקן כפי הצורך ויבחר באשר ישר בעיניו, עכ"ל. והנה כי כן יש לומר כי הרה"ק בעל אמרי יוסף סיפר כי הרה"ק מאפטא זיע"א אמר אם יזכה להעתיק (או להגיה) הכת"י שנית (וכמו שעשה הרה"ק הרמ"ז הנ"ל לאחר פטירתו) יצוה למחקו, והכותב לא הבין דברי הרה"ק הנ"ל וע"כ כתב דבר שאין לו מציאות.



מתיקות ועריבות טוב התורה
מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# "רבים מעמי הארץ מתייהדים"

בהקדמתו לספר 'אור החיים', הטעים רבנו, שלנגד עיניו עמדה המטרה, שיהיו דברי תורתו מובנים ומבוארים ללומדיהם, כי בהעדר ההבנה הנכונה יהפוך מר למתוק, ותחת שיפלח המוסר את כליותיהם - יצטרף, חלילה, כמעטה נוסף לחלב המכסה עליהן. וזו לשון קדשו: ואל זה אביט בדבר ואופנו, ואת אשר עדיו יגיעו הדברים להבין בהם, לבל ישימו בפיהם מר למתוק מדבש ויורק טעמו מחסרון המקבל.

שלושת עמודי עולם נתכנו בדרשותיו של רבנו - 'תורה' שהרביץ לשומעי לקח שמימיהם לא חבשו ספסלי דבי מדרשא; 'עבודה' שהקריב רבנו עצמו כדי לתקן עולם במלכות אלוקי ישראל; ו'גמילות חסדים' שכן כבירה היתה ההשפעה שחוללו הדרשות בלב שומעיהן. אנשים שינו אורחותיהם, היטיבו דרכם ושיפרו מעשיהם, חזרו בתשובה וזנחו דרכי רשע ומחשבות אָוֶן, דבקו בדרך התורה וסיגלו מצוות ומעשים טובים. כן העידו חכמי ירושלים בהסכמתם לספר 'ראשון לציון': "ועל גמילות חסדים, אוזן שמעה ותאשרהו, נפלאים מעשיו, מהדר אזכותא דרבים, והן בפיו תוכחות מוסר, משום אקרובי עם אלוקי אברהם ליראה את ה', ורבים מעמי הארץ מתייהדים" ---

ביטוי לעבודת הקודש של רבנו בדרשותיו, שלא פסקה בכל קהילה וקהילה שפקד, מוצאים אנו בהסכמות שעיטרו חכמי איטליה את ספרי רבנו, שהם מעלים על נס את רוממות פעליו במתק דרשותיו. הגאון רבי אביעד שר שלום באזילה זצ"ל, רבה של מנטובה [מגדולי חכמי ומקובלי איטליה בדורו. לבד מעמידתו בראש הישיבה הגדולה במנטובה, עסק בקבלה - כפי שקיבל מרבו המקובל רבי בנימין הכהן זצ"ל, תלמידו של המקובל האלוקי רבי משה זכות זצ"ל - ונודע בספרו 'אמונת חכמים', שנכתב "לכלכל אמיתת הקבלה" (ועליו כתב הגאון רבי יעקב עמדין זצ"ל הגהות ב'מטפחת ספרים'). ביסורים רבים דוכא בשנותיו האחרונות, כאשר נאסר בידי האינקוויזיציה באשמה שלא כיבד את כבודם, ובקושי שחררוהו ממאסר לאחר קרוב לשנה, ואף אז נאסר עליו לצאת מפתח ביתו. בה בעת, נפטר רבה של מנטובה, הגאון רבי דוד פינצי זצ"ל, ורבי אביעד שר שלום מילא את מקומו והנהיג את העדה ביד רמה]. כתב על רבנו בהסכמתו ל'פרי תואר': "אשר במתק לשונו ובעומק חכמתו הרביץ תורה והרבה יראת שמים בעיר ואם בישראל, היא עיר ליוורנו, דתמן גברי גוברי באורייתא, סבי דמשפטים, די זקוקין די נור נפקי מפומייהו".

כיוצא בו, הפליגו בשבחו דייני העיר מודונא [בביקורו של רבנו בעיר מודונא במסגרת מסעו בקהילות איטליה, בכל מקום בואו היו נאספים סביבו תלמידים שביקשו להסתפח להיכלו, וכן היו נקהלים לשמוע דרשותיו, ששמן הלך לפניהן]. וכתבו בהסכמתם ל'אור החיים': "לשמע אוזן שמענו שמעו בקול האר"ש, ומלאה הארץ תהלתו בקהל חסידים רנן ירננו, עד אשר בא ונראה בכבודו ובעצמו אל תוך מחננו קדש, ותראינה עינינו האיש אלוקים קדוש הוא קדוש וה"ן משרתי קדוש, ונקדש בשתיקה יפה לחכמים. סוף דבר הכל נשמע, והקו"ל לפי רוב המעשה... הן כל ראתה עינינו מכבודו, שמעה אזנינו מפי קדוש מדבר כקול ש-ד-י בדברו, דברים נחמדים ואמרות ה' אמרות טהורות".

ובסגנון דומה תיארו וכתבו בהסכמתם ל'פרי תואר': "וכבר בא חכם ממערב בהדין קרתא, והוא מריה דשמעת"א, בריך רחמנא דשדריה ניהלן, הכא רבי קרו ליה. ואזלי רבנן בתר רב"א דאיתיה קמן, לא פסיק פומיה מגרסיה, ולא פסק חוכא מפומן. נפק בי מדרשא ודרש, ומאליה ספי לן, מדברים טובים שנאמרו בעלייה, ומעילויא דה"ב דכי".

ועל כולנה, נאמנת היא עדותם של חכמי ליוורנו, הגאון רבי מלאכי הכהן זצ"ל והגאון רבי אליעזר הכהן זצ"ל, שכתבו: "הנה שכרו אתו ופעולתו, אשר עזב את ארץ מולדתו, ואת יקר תפארת גדולתו, ויצא ועשה את עולת"ו זאת עול"ת קדש בקדשו, אל הר חמד אלהים לשבתו. וענתה בו צדקתו, צדיק באמונתו, כי רוח ה' נוצצה בו, ניצוצי קדושה, מקבילות הלא לאות. נראה למי דומה למלאך ה' צבאות. כי אם בתורת ה' הן סתרה כגלויה יום ליום יביע, על מנת שתעלה לרקיע [על דרך המובא ב'תיקוני זוהר' (דף כה:) "אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחת לעילא", ואילו תורתו של רבנו תורה לשמה היתה בדחילו ורחימו]. ולילה ללילה דור"ש טוב לעמו. ומימיו נאמנים, שתו העם ולקטו פרי נימוקו וטעמו. ודרך חיים תוכחות מוסר, עשויות באמת וישר. על כן יאמרו המושלים, בקרב חכמים תלין אזן שומעת תוכחת חיים".

## הדרשות במשנת רבנו

בכמה מקומות מעורר רבנו בכתבי קדשו אודות חובה המוטלת על תלמידי חכמים ומורי דרך, להאציל מרוחם על המון העם ולקרבם לאלוקים ולתורתו. קטעים אחדים נביא, מהם נלמד על המעלה הרמה והתועלת הגדולה שייחס רבנו לדרשותיו:

ב'אור החיים' לפרשת ויקרא ביאר את הפסוק (ויקרא א, ב) "אדם כי יקריב מכם" בדרך זו:

עוד ירמוז, לצוות את אנשי חיל, להשתדל לקרב לבבות עם בני ישראל לעבודת ה'. ולזה יקרא 'קרבן לה'', כי על ידי חטא האדם יפרד הדבקות של ישראל עם אביהם שבשמים - דכתיב (דברים ד, ד) 'ואתם הדבקים בה'' - ויהיו נבדלים ומרוחקים מהשכינה. והאדון ברוך הוא יקפיד, כביכול, על הדבר ויתאווה לקרב אותם אליו, וציווה להוכיח לכל הרחוק ולקרב לבו. גם העניש למעלים עין מהדבר. וזה לך האות, אשר ציווה ה' להתחיל ממקודשיו. והגדיל שכר המזכה כמאמר התנא (אבות ה, יח) 'כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו', כי ישמרנו ה' משגיונות, והם הדברים הנאמרים כאן. דקדק לומר 'אדם', לשון חשיבות כאמור בזוהר (חלק ג' מח.). 'כי יקריב', ואת מי יקריב, פירש הכתוב ואמר 'מכם', מן הפחותים שישנם בכם, אשר פשעו בה' ויאמרו לא-ל סור ממנו ונתרחקו מדביקותו יתברך, את זה יקריב. ולזה יקרא 'קרבן לה'', כי יקריב נצר מטעיו קודש לשרשו. ואדם כזה אינו צריך להביא לא נדר ולא נדבה, גם אין מציאות להביא לא חטאת ולא אשם, על דרך אומרם ז"ל 'כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו', ואם אין שוגג אין קרבן. ואחר שגמר אומר מעשה קרבן הנכבד והמעולה, אמר 'מן הבהמה וגו' תקריבו את קרבנכם' - דבר זה ישנו בכל אדם' כי לא כל ישיגו בחינת (מלאכי ב, ו) 'רבים השיב מעון'.



# פארשפרייטונג פונעם ספר "אור החיים הקדוש" אויף די וועלט [ב]

אין פאריגן גליון (פרשת תרומה) האבן מיר פארברייטערט, אז ווי עס ווייזט אויס איז די ערשטע דרוק פון ספר אור החיים הק' נישט אזוי נפוץ געווען אין ארצות אייראפע, און די עיקר הפצה האט געצויגן קיין ארצות המערב - פון איטאליע וואו עס איז געדרוקט געווארן, צום געגנט פון מאראקא וואו דעם רבינ'ס ליכט האט אויפגעשיינט.

צו באמערקן; אין די הסכמה פון הגאון ר' **יעקב משולם ארנשטיין** זצ"ל אויפן ספר "**פרי תואר**" פונעם רבי'ן (מהדורת זאלקאווא שנת תק"ע) שרייבט ער בזה הלשון: "**הֵן בְּעוֹדֶנּוּ חַי עִמָּנוּ עִקְבוֹתָיו נוֹדָעוּ בְּדַרְכּוֹ בַּקֹּדֶשׁ, שְׁמוֹ יָצָא בְּכָל הָעוֹלָם מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ...**". לאזט זיך פון דעם הערן, אז דער ספר איז יא באוואוסט געווארן "אויף די גאנצע וועלט" נאך בחיים חיותו. אבער ס'קען זיין, אז דער ספר איז שוין טאקע מפורסם געווארן נאך בחיים חיותו, נאר למעשה זיי זענען ארויס אין זיין לעצטן יאר נאך וואס ער איז שוין אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

ביז געציילטע יארן, איז דער ספר אור החיים הק' פארשפרייט געווארן אין פוילן אויף גאר א ברייטן פארנעם - אסאך מער ווי דער ערשטער מהדורא אין ארצות המערב. דאס האט אין צוקונפט געדינט א שטארקע גרונד פאר די הפצה פונעם ספר איבער די וועלט.

אזוי שרייבט דער **חיד"א** זצ"ל - תלמיד רבינו - אין ספר "**שם הגדולים**" (מערכת ספרים - ערך אור החיים): "**וְשָׁמַעְנוּ כִּי עַתָּה בְּפּוֹלַנְיָא הֵם מַחְשִׁיבִים אוֹתוֹ** [-ספר אור החיים הק'] **הַרְבֵּה וְנִדְפַּס עוֹד שְׁתֵּי פְּעָמִים. וְנִתְעוֹרֵר זֶה, עַל יְדֵי שֶׁהָרַב הֶחָסִיד קָדוֹשׁ מהרר"י בַּעַל שֵׁם טוֹב הִגִּיד גְּדֻלַּת נִשְׁמַת מהר"ר חַיִּים הַנִּזְכָּר...**" - אין פוילן שעצט מען זייער דעם ספר, און **נאך צוויי מאל איז עס איבערגעדרוקט געווארן דארט**, נאך וואס דער בעש"ט הק' האט מפרסם געווען דאס גדלות פונעם אור החיים הק'.

אויף אן אנדערן פלאץ שרייבט דער **חיד"א** זצ"ל (ערך דרשת הר"ן) איבער די גרויסע חביבות וואס מ'האט געשאנקען אין ארצות פוילן אויף לערנען "אור החיים הקדוש", וזה לשונו: "**וּבְאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ כִּי זֹאת לְפָנִים בְּפּוֹלִין, הָיוּ הַדַּרְשָׁנִים נוֹהֲגִים לִדְרוֹשׁ מַאֲמָרִים תְּמוּהִים בְּהַקְדָּמַת תּוֹסְפוֹת וּפוֹסְקִים וַחֲרִיפוּת, וְעַתָּה חָזְרוּ מִקְצָתָם לִדְרוֹשׁ פְּשָׁטִים פְּשׁוּטִים. וְכַמָּה מֵהֶם שֶׁקּוֹרִין בְּכָל שָׁבוּעַ סֵפֶר 'אוֹר הַחַיִּים' לְהָרַב הַמֻּפְלָא ח"ק מהר"ח ן' עטר ז"ל, וּמְחַבְּבִין אֶת דְּבָרָיו כִּי הֵם עַל פִּי הַפְּשַׁט**". ער ברענגט דא ארויס אז דער ספר האט א באזונדערע חביבות, ווייל עס איז געבויעט אויף "פשוט פשט" וואס יעדער איז מסוגל צו פארשטיין.

נישט נאר אין פוילן איז דער ספר נתפרסם געווארן, אויך אין מדינות אשכנז איז דער ספר קדוש שטארק אויפגעכאפט געווארן. אזוי איז צו זען פון די הונדערטער הגהות וואס הגאון ר' **יוסף יוזפא קאשמאן** סג"ל ז"ל - אבדק"ק עסא וואס איז אין קעלן [באוואוסט אויפן נאמען פון זיין ספר "**נוהג כצאן יוסף**" אין וועלכע ער איז מברר "מנהגי מדינות אשכנז" - איידעם פון הגאון ר' יהודה מילער זצ"ל מגדולי גאוני אשכנז] - וועלכער איז געווען "בן דורו" פונעם אור החיים הק' - האט געהאט אנגעצייכענט אויף די בלעטער פונעם ספר אור החיים הק' ערשטן דרוק. [מיר האבן אין באזיץ דעם חומש אויף וועלכע דער "נוהג כצאן יוסף" האט זיך פארצייכענט זיינע הגהות].

וואס עס איז גאר אינטערעסאנט צו באמערקן, אז בו בזמן וואס דער ספר איז אזוי אויפגעכאפט געווארן אין פוילן צווישן די חצרות החסידים אויף אזא גרויסן פארנעם, איז אין דעם זעלבן תקופה נישט אזוי מצוי געווען דער ספר אין ארצות המערב. נישט אומזינסט האט דער חיד"א ז"ל אזוי באוואונדערט ווי שטארק דאס איז אויפגעכאפט אין פוילן, ווי פריער דערמאנט, געוויס ווייל אין יענער צייט האט ער אליין - זייענדיג א תלמיד פונעם אור החיים הק' - נישט געהאט די מעגליכקייט צו לערנען אין דעם ספר, וועגן דעם האט ער אזוי געשטוינט ווי דאס איז אויפגעכאפט אין פוילן.

א ראיה צו דעם איז; ווייל דער חיד"א ז"ל ברענגט אין זיינע ספרים חידושים פונעם אור החיים הק' "מפי השמועה", און הערשט מיט א צייט שפעטער שרייבט ער אז ער האט דאס "געזען אין ספר אור החיים הקדוש". לאזט זיך הערן, אז אין די תקופה פריער איז דער ספר נישט געווען.

צב"ש; אין ספר "**כִּכָּר לָאֶדֶן**" (מסכת סופרים פרק ג) - געדרוקט געווארן אין שנת תקנ"א - ברענגט ער א חידוש "וואס ער האט געהערט" פונעם אור החיים הק'. דעם זעלבן חידוש ברענגט ער אין זיינע הגהות "**ניצוצי אורות**" אויפן זוהר הק' - אויך געדוקט אין שנת תקנ"א. ווידער אין ספר "**כסא דוד**" - וואס איז געדרוקט געווארן דריי יאר דערויף שנת תקנ"ד - ברענגט ער דעם חידוש, צולייגנדיג אז נאך א לענגערע צייט "האט ער דאס געזען" אין ספר אור החיים הק'. זיין לשון דארטן איז: "**וְנַקְדִּים 'אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי' מִפֶּה קָדוֹשׁ הָרַב הַמֻּפְלָא חֲסִידָא קַדִּישָׁא כמהר"ר חַיִּים ן' עָטָר זלה"ה... וְכֵן 'רָאִיתִי אַחַר זְמַן רַב' שֶׁכָּתַב כֵּן בְּסִפְרוֹ אוֹר הַחַיִּים.**"

ווידער צווישן די זאכן וואס ער האט זיך געהאט פארשריבן - געדרוקט סוף ספר "**מעגל טוב**" - פארצייכענט ער: "**שְׁנַת ה'תקל"ד** [-צוואנציג יאר בעפאר]... **קָרִיתִי 'אוֹר הַחַיִּים' מִפָּרָשַׁת אַחֲרֵי עַד פַּרְשַׁת שְׁלַח...**". ווייזט אויך אויס, אז ער האט נישט געלערנט אין דעם באופן קבוע. מעגליך אז נאר יענע פאר וואכן האט ער געהאט דעם ספר אין באזיץ, נאך וואס דער חיד"א איז ווי באוואסט אסאך טרוד געווען מיט זיינע רייזעס, האט ער געוויס נישט אייביג געהאט דעם ספר צו דער האנט.

## משנכנס אדר מרבים בשמחה

ברוב שמחה וצהלה נישא ונרים קולנו בברכת מזלא טבא לכבוד יו"ר מכון מורשת אור החיים הק'
מעוז ומגדול שמו מפארים עדת חבלו הדבוק בתורתו של רבינו אור החיים הק' בעוז ותעצומות נפש
הגאון הרב **משה שוורץ** שליט"א
**רב ודומ"ץ ביהמ"ד 'קהל חסידים - אור החיים' פרדס-כץ ב"ב**
בן הגאון הגדול רבי חיים יעקב שוורץ זצוק"ל דיין ורב דקה"ק צאנז נתניה ומרכז רפואי לניאדו
וחתן הגאון הגדול רבי חיים צבי שפירא שליט"א ראב"ד קהל מחזיקי הדת בעלזא וביהמ"ד 'קהל חסידים' רמת-אהרן
לרגל השמחה הגדולה במעונו ביום כלולות אפריון בשמחת נישואי בתו הגדולה הכלה החשובה תחי'
עב"ג המופלג בתורה ויראה ובקי בסדרי הש"ס
החתן החשוב מנחם מנדל בוים שליט"א
**בן הרה"ג דוד בוים שליט"א**
**ראש כולל הוראה דחסידי מודז'יץ ביתר ומבחירי העורכים בהו"ל ספרי מורשת אור החיים הק'**
בן הגאון הגדול רבי יחיאל בוים שליט"א וחתן הגאון הגדול רבי מרדכי ברנט שליט"א רבני ודייני קה"ק צאנז נתניה
יהא רעווא מן שמיא שיזכו לבנות בית נאמן בישראל דורות ישרים ומבורכים ולבנין עדי עד
ויזכו לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה לתפארת בית אבות
המברכים מעומק הלב
מערכת הו"ל 'מורשת אור החיים' ולומדי תורת האור החיים וקוראי הגליון

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com